י. ל. פּרץ · אַלע ווערק

באַנד I ... ניו-יאָרק

1947

(1892)

# מאָניש

מיר ווייסט — מן־הסתם— ← weak
די וועלט איז א ים,
מ י ר זענען פיש;
(טייל זענען העכט,
שלינגען ניש׳־שלעכט...
זאָגט, אפשר ניש?)

די וועלט איז א ים,
ברייט און אַ שיער;
די פיש זענען מיר,
די פישער איז ס״ם 1) "b" couplets weaker

* * *

ער האָט זיך אַלס פישער
ביים לעבן געשטעלט!
די תאווה — דאָס ווערמל! —
פירט איבער די וועלט?

עס כאַפּט ווייל די אַנגל
אַ פיש נאָך אַ פיש;
עס דאַכט זיך׳אַ ווערמל —
אַ בליק נאָר, אַ קיש...

---

1) ט״ם: ראשי־תיבות (איניצאַלן) פון סמאַל, דעם שר פון גיהנום.

נאָר באַלד נאָכן ווערמל
גייט — האַסן און שטריק;
נעעקט מיטן לעבן,
אַ סוף פונעם גליק!

* *
*

און יעדערער ווייסט עס,
און יעדערער קען אים,
דעם שמדניק, דעם שטן,
דעם שר פון גיהנום;

און זעלטן איז עמעץ
באַשירמט און באַהיט...
אַט, אייך צו וואָרענען,
זינג איך מיין ליד!

א.

ס'איז געווען אַמאָל אַן עילוי,
נ י ש ט געקענט די וועלט אפילו
נ י ש ט געווען אין קלאַס,
פרום דער טאַטע, פרום די מאַמע,
די מישפחה — לומדים סאַמע,
נאָר פון עקסטן פאַס!

סאַמע גאונים און למדנים,
מיט אַן „אלף־בית רבנים",
ס'קלינגט מיט איר די וועלט;
און מבינים גרויסע זאָגן:



זיי וועט אַלע איבעריאָגן,
מאָניש אונדזער העלד!

מאָניש איז אַ ווילער יונג,
ר'האָט אַ קעפּל פייער פלינק,
אָנגעפילט מיט תורה!
טרעפט אויך באַלד אריין אין קאָרב,
מעג דער רמב"ם זיין ווי האַרב,
און דערצו נאָך אַ בעל־קורא!

און אַ שיינער יונג — אַ פּראַכט.
שוואַרצע לאָקן ווי די נאַכט,
קאַרמען־ליפּן — רויזן צוויי!
שוואַרצע ברעמען ווי די בויגן,
ווי דער הימל בלאָע אויגן,
און אַ פייער ברענט אין זיי!

יעדעס ביינדל אין אים לעבט,
און ער [illegible] גייט נישט, נאָר ער שוועבט;
אָנצוקוקן איז אַ פרייד!
מיידלעך ווערן רויט און בלאַס,
אַז ער ווייזט זיך אויף דער גאַס,
אַז דער שיינער מאָניש גייט!

ד'יונגע רביצן אין חדר
זיצט אַ גאַנצן טאָג כסדר,
הערט, מכלומרשט, ווי מע קנעלט!
ס'לויפט די יויך, די מילעך ברענט,
און זי זיצט פאַרלייגט די הענט,
קוקט אויף מאָנישן און קוועלט!

און דער שכנה — שיינע האָדל,
פאַלט פון האַנט אַרויס די נאָדל,

לאָזט זיך אונדזער מאָניש הערן!
עס פאַרפעלט איר אָטעם, דאַכ׳
און עס גיט אין האַרץ א שטאָך,
און — עס קאַפּען הייסע טרערן...

*　*
*

דאָך — ווי נאָלד איז אונדזער מאָניש,
פון דעם אַלעם ווייס ער גאָר־ניש׳;
שטן, ביסט געפלעפּט!
ער האָט ליב א בלאַט גמרא,
ער האָט חשק צו׳ן א סברא,
„שור שנגח את הפרה״,
דאָס איז זיין געשעפט!

---

געלעבט האָבן דעמאָלט
נאָך ר׳אַלטע באַלעבאַטים,
מיט מעשענע ברילן
און זילבערנע בתים.

גאָלד׳נע עטרות
און אייזערנע מוחות;
אַנדערע יאָרן
נאָר אַנדערע כוחות.

פול ס׳בית־המדרש
מיט קאַרפּענע קעפּ!
מען לערנט נאָך אין פּאָליש,
מען זיצט אויף די טרעפּ,

עס ווערט נישט פאַר חצות
קיין ליכטל פאַרלאָשן;
און פּראָזשבעס צו רענדלעך:
און תורה מי׳נראָשן!



און דעמאָלט האָט מאָניש
אַלס עילוי געשמט;
די גרעסטע רבנים,
פון וויט, פון דער פרעמד:

דער פּטיש 1) פון לאָשטשעוו
דער „סיני״ 2) פון קאָזיץ,
דער מאור הגדול 1)
פון סליין־מאָועלבאָזיץ 2)

זיי קומען אמישנע
פאַרהערן דעם עילוי!
און טאַנצן פאַר שימחה:
„אתחלתא־דגאולה״ 3)

— „ווייל איז דעם טאַטן, וואָס האָט אַזאַ זון,
ווייל איז דער מאַמען, וואָס וועט׳ן ערצי׳ן,
ווייל איז דעם דור, וואָס אים פאַרמאָגט!
אין משיחס צייטן ווערט אַזוינס געבוירן!
אַ, ירושלים, עפן דיינע טוירן!״
דאָס האָבן אלע רבנים געזאָגט!

---

## ב.

אויפן באַרג אַררט,
אויפן הויכן באַרג,
וואָס טראָגט דעם אייביקן
שניי אויפן קאָפּ.

---

1) אַ האַמער. 2) דער באַרג סיני.

1) דער גרויסער לייכטער — די זון. דאָס אַלץ זענען טיטולן פון גרויסע רבנים. 2) „מאָדלע״באָזיצע״ א פּויליש שטעטל.

3) משיחס צייטן.

אויפֿן באַרג אַרויס —
לויט עס איז באַשריבן —
איז מיט דער תּיבֿה
נאָך שטיין געבליבן.

און איז אַרויס פֿון קאַסטן
מיט שם, חם און יפֿת,
און מיט אַלע חיות,
בהמות און עופֿות...

און זיי אַלע זעען
מיט ד'אייגענע אויגן,
ווי ס'הענגט אין הימל
גאָטס פֿאַלענבויגן!

און הערן גאָטס שבֿועה:
„דאָ שווער איך דיר, וועלט!
עס וועט דיר נישט פֿעלן
קיין היץ און קיין קעלט!

כאָטש רצחע און הרגע,
כאָטש גנבֿע און מסר,
איך וועל דיך נישט טאָפּיען
שוין קיינמאָל אין וואַסער!"

געטאַנצט האָבן חיות,
חם האָט געלאַכט,
נח האָט די ערשטע
כּוסע געמאַכט.

---

געשטאָרבן שוין אַלע...
אַ פּעקל מיט יאָרן!
עס שטייט דאָך די תּיבֿה
ביז היינט לזכּרון



דאָרט אונטער די שנייען.
און ס'הענגט אויף דער וואַנט
עד־היום דער צוהר,
דער גרויסער בריליאַנט.

און דאָרט, אין דער תּיבֿה,
אין שנייען און פֿרעסט,
דאָרט האָט זיך ס מ א ל
געפֿלאָכטן אַ נעסט.

און קעגן דעם צוהר
קעמט אַל' אינדערפֿרי
לילית די גאָלדענע
לאָקן זיך צו.

זי קעמט זיי און קרייזלט,
און פֿלעכט זיי קאָקעט,
און ס מ א ל ליגט זיך
און רייכערט אין בעט;

זיי שמועסן פֿאַרטרויט
פֿון דעם און פֿון יענעם,
וועמען צו פּאַקן
אַריין אין גיהנום;

וועמען צו שמייסן
מיט אייזערנע ריטער,
וועמען צו פּרעגלען
צום פֿרישטיק אויף פּוטער!

---

ז'אַ שיינעם מאָרגן
קלינגלט עס שטאַרק
עס ציטערט די תּיבֿה,
עס צאַפּלט דער באַרג,

עס שפּרינגט שיער סמאל,
ארויס פונעם בעט,
„ארײַן!" עס באַווייזט זיך
דערשראָקן א שר.

---

מיטגעבראכט האָט ער
אַן עקסטרא „ראַפּאָרט",
קוים וואָס ער שלוקערצט
א וואָרט נאָך א וואָרט; —

— „אך, גרויסער מלך!
עס ציטערט דײַן טראָן...
— וואָס איז געשען?
געשווינד, הער באַראָן!

— „אין קעניגרייך פּוילן,
האַרט ביי דער גרענעץ,
ליגט זיך א שטעטעלע
גרויס ווי א גענעץ.

און קוים וואָס מען זעט עס,
מען הערט עס אויך זעלטן;
הייזלעך ווי נ י ס ל ע ך,
פון שמות געצעלטן...

אינגאנצן א צענדליק,
צו ציילן אויף פינגער!
עס בייסן די ציגן
די דעכער פאַר הונגער!

און שטיל ווי א קברות;
מענטשן ווי מתים.
קיין גאווה, קיין תאווה,
מע' לעבט פון תעניתים;



קיין חסידים, קיין דייטשן —
האָט תורה א קיום,
וואַקסן רבנים,
מען פּאַשעט עילוים...

ציגנד וואַקסט נאָך א גאון!
וואָס וועט נאָך פאַרשעמען
גאַנץ פּוילן און ליטע,
און זאַמוט און בעמען.

און לאָזטו אים וואַקסן,
און לאָזטו אים פריי,
ביסטו חלילה! —
הוד מלכות, פאַרביי!

האָסטו פאַרלוירן
גאַנץ פּוילן און ליטע...
איז — חס־ושלום! —
אַן עס פון נישט גוטע;

וועט ער אונדז יאָגן
מיט שרעקלעכן האַס,
און ברענגען משיחן —
חלילה וחס! —

---

דער ימח־שמו
ווי ר'האָט עס דערהערט —
איז אים די שימחה
געוואָרן געשטערט.

ליגט ער און טראַכט,
טאָג אַזוי נאַכט,
און רייבט זיך, און רינצלט דעם שטערן:

— געוואַלד! לילית קרוין!
אָן עצה גיב! שוין!
אַזוינס קען די וועלט איבערקערן!

— די נוס איז האַרט!
נאָר, מיין מאַן, וואַרט,
זי קנאַקט דאָך אונטער די ציין,
ניצחון איז זיס!
גרייט אָן די שפּיז,
דער בראָטן וועט קומען אליין

---

אַ גאָט, האָב רחמנות,
זיי זוכן נקמה!
האַלט, יידן, תענית
פאַר דער נשמה!

עס שווינדלען די אויגן,
היים ווערט און קאַלט...
זי הענגט אויף אַ הערל,
אָט, אָט, אָט, זי פאַלט!

אָט פאַלט פונעם הימל
אַ ליכטיקער שטערן;
אָט וועט אין גיהנום
אַ שימחה שוין ווערן!

---

change in rhythm — upt.

most emotional & moralistic outburst

ג.

creates a commotion
external observation

טראַ־ראַ־ראַ, טראַך!
וואָס איז געשען?
צי האָט נישט דאָרט עמעץ
משיחן געזען?



ווען בלאָזט מען שופר?
דאָך אלול נישט תמוז!
צי איז ער משוגע
געוואָרן, דער שמש?

וואָס בלאָזט עס און פייפט,
וואָס דונערט און קנאַלט?
צי פּלאַצן די דעמבעס
און מאַסנעס אין וואַלד?

עס פייפט און קנאַלט,
עס זעצט און עס קנאַקט...
עס יאָגט אַן עקסטראַ־
פּאָסט פון טראַקט!

אַך, ווער האָט אזא
קלינגען געהערט?
עס פליען ווי רוחות
נאַשפּיץ די פערד!

עס קלינגען די גלעקלעך
וואָס אמאָל פרייער!
עס שפּריצן די פּאָדקאָוועס
פונקען און פייער,

עס שלענגלט זיך, קנאַקט
אָן רחמים, די בייטש?
מען שטייט מיט אָפענע
מיילער: וואָס טייטש?

---

social context 13–16

צוזען דאָס וואונדער
זענען ארויס

קראנקע פון בעטן,
לומדים — פון קלויז,

קינדער פון חדר —
איינס אינדערמיט,
אין האנט די תחתונים —
פון אונטער דער רוט.

דאָרט לויפט א שוחט,
בלייך ווי די וואנט,
א נישט דערקוילעטער
האָן אין דער האנט.

ער האָט אינמיטן
דאָס פייפן געהערט,
און במקום דעם האָן —
דעם חלף — אויף דער ערד.

און פליט אויפן רבל
ארויף ווי א קויל
אריין מיטן חוטם1)
אין אָפענעם מויל!

און דאָ לויפט א טויבע
און ברעכט זיך די הענט:
„שרייט, יידן, העכער —
יידן, ווו ברענט?"

---

אויסגעלאָזט האָט זיך
די מעשה גאָר פּראָסט:
א דייטש איז געקומען
פון דאנציק מיט פּאָסט!

---

1) נאָז.



מיטגעברענגט האָט ער
נאָר אוצרות מיט געלט!
גייען וועט א מיסחר!
זיין וועט א וועלט!

און נאָט האָט דאָס שטעטל
מיט מחיה באַגליקט,
ער האָט זיי פון הימל
אַן אוצר געשיקט:

עס האנדלט דאָס דייטשל
מיט כל־ערליי תבואות
און צאָלט אלץ אין בארן!
און מאכט נישט קיין שהיות!

אלץ ווערט מיט גאָלדענע
רענדלעך געוווגן,
דעם סוחר ווערט פריילעך
און ליכטיק אין ד'אויגן!

הייבן אָן האנדלען
די שוחטים... דיינים...
עס לויפן, עס קויפן
מלמדים, בטלנים...

אז אלעם איז סחורה,
פון פּאָרשום — א רעגן!
און פויערן מיט פורן
פארלייגן די וועגן!

און אלץ איז א סחורה,
געקויפט און געשטעלט!
שיטן אָן יידעלעך
פעסלעך מיט געלט

אך, ווער געדענקט
אזא גאָלדענע צייט?
מען טראָגט אין דער וואָכן
נאָר אטלעס און זייד!

און חתונות מאַכט מען
טאָג־טעגלעך כסדר:
באַוואָרפן די שניידער
מיט חתונה־קליידער.

עס זענען אָן הענט שוין
די קלעזמער געבליבן,
די חופּה צעריסן,
די שטאַנגען צעריבן,

עס האָט שוין דער בדחן
קיין כּוח צו לאַכן;
מען קריגט שוין קיין וואַקס נישט,
הבדלות צו מאַכן:

לעקעך פאַר ברויט־שטאָד!
און ניס, פּאָמעראַנצן!...
עס קאָכט ווי א קעסל
דאָס שטעטל אינגאַנצן!

---

נאָר דער דייטש האָט מיטגעבראַכט
א בת יחיד׳לע א פּראַכט:
גאָלד׳נע לאָקן ביז די פיס!
אויגן בלישטשען ווי די שטערן,
און א קול — א פרייד צו הערן!
און א שמיכע — צוקערזיס!
און זי גייט נישט, נאָר זי שפּרינגט,
און זי רעדט נישט, נאָר זי זינגט,



פרייליך, לוסטיק טאָג און נאַכט!
און לאָזט ארוים איר קול מאַריע
העלפט דאָס גאַנצע הויז איר צו,
קנאַקט פאַר לאַכן, ווען זי לאַכט!

כאַ! כאַ! קלינגט עס ווי א גלאָק!
יעדעס שטיינדל, יעדער טשוואָק,
וואַנט און דאַך! דאָס הויז אין גאַנצן!
עס לייגט די נאָל אוועק דער שוסטער,
און דער מאַרשאַלעק דער וויסטער
כאַפּט זיין „גרונע" טאַנצן!

דער שמש איז א פּעסימיסט,
און — א׳ך ־ לעבן — נישט אומזיסט,
מיט א שלאַנג איז ער געזעסן!
און לאַכט מאַריע, נו, לאַכט ער מיט,
און לאַכט פון האַרץ, געזונט און גוט,
„קול באשה"? — גאָר פאַרגעסן!

און אַז מאָניש גייט כסדר
יעדן מאָרגן־פרי אין חדר,
בלייבט ער שטיין ביים טויער...
דעמאָלט זינגט א פּראַכט מאַריע,
און איר טרעלן־מעלאָדיע
דרינגט אים טיף אין אויער!

עס דרינגט אריין אין האַרץ אים טיף!
און אויפן איינגענעם מאָטיוו,
מיט דער זעלבער מעלאָדיע,
זינגט דערנאָך ער די גמרא,
און איז מטעים יעדע סברא,
דרייט נאָך מיטן פינגער צו!

נאָר א שוויים ליגט אויפן שטערן,
און די אויגן — פייכט פון טרערן,
און דאָס פּנים בלאַס, ווי קרייד.
דער רבי זיינער זיצט פאַרצוקט,
ס'שטייט די רביצין און קוקט:
„אוי, ווער ווייסט, וואָס דאָס באַטייט!

back to simple meter / rhyme    DIALOGUE    change

pretended orthodox → melodramatic [trad. Yiddish]

דער פאָטער — פאַרנומען,
אין אלעם פאַרגעסן;
אין דער היים — זעלטן
א שבת געזעסן.

עס זעט דאָך די מוטער
ווי מאָניש פאַרשווינדט;
זי שרעקט זיך און פרעגט אים:
וואָס איז דיר, מיין קינד?

וואָס לאָזט זיך דיין קול
אזוי וויינענדיק הערן?
וואָס האָסטו אין ד'אויגן
נאָר טרערן און טרערן?

וואָס ביסטו אזוי בלאַס,
מיין איינציקעס קינד?
ווער האָט דיר פאַרלאָשן,
זאָג וואָס פאַר א ווינט,

די אייגעלעך דיינע,
די שיינע הבדלות?
ווו האָסטו גענומען
ניגונים — יללות?



אָן אַן ע י ן ־ ה ר ע ,
געזונט זיי און שטאַרק,
דו פלעגסט דאָך צו זינגען,
פונקט א קאַנאַר'ס,

Wallachian

א שטייגער, א וואַלאַך,
צי אנדערע זאכן!
עס פלעגט דאָך פאַר תענוג
דאָס הארץ אין מיר לאכן,

אז דו פלעגסט זינגען
די זמירות ביים עסן; —
היינט האָסטו גאָר יענע
ניגונים פאַרגעסן!

היינט זינגסטו גאָר אנדערש,
היינט זינגסטו ניש'גוט,
עס קלעמט מיר דאָס הארץ צו,
עס קילט מיר דאָס בלוט;

עס שניידט, ווי מיט מעסער,
אין הארץ דיין געזאַנג!
וואָס איז פאַר א שטייגער,
וואָס איז פאַר א גאַנג?

פלעגסט אמאָל העלפן
דעם חזן אין שיל...
נאָר אנדערע קולות,
אַן אנדער געפיל;

צאַינד עמעץ אנדערש
זינגט פון דיר ארויס!
וואָס איז דיר, מיין לעבן,
דער מאמען זאָג אויס!

— צי ווייס איך דען, מאמע,
וואָס ס׳זינגט דאָרט אין מיר?
איך ווייס נאָר, אין הארץ איז
גאָר אנדערש ווי פריער!

איך ווייס נישט, וואָס ס׳איז מיר,
עס נאָגט דאָך אין הארץ;
און פלוצלינג פאר ד׳אויגן
ווערט פינצטער און שווארץ...

עס הייבט אָן צו ברענען,
ווי פייער אין מוח;
עס רייסן זיך קולות
פון האלדז אויס מיט כוח!

און אָטעם פארפעלט מיר,
ס׳איז ענג אין דער ברוסט,
איך וויל זיי פארהאלטן,
די טענער, אומזיסט!

זיי פליען ווי פייגל
ארויס פון א נעסט...
און — אזוי זינגט זיך...
אָט, ווי דו זעסט!...

---

ד.

אנדערש וואָלט מיין ליד געקלונגען,
כ׳זאָל פאר גויים גוייש זינגען,
נישט פאר יידן, נישט „זשארגאָן"! —



קיין רעכטן קלאנג, קיין רעכטן טאָן!
ס׳האָט פאר ליבע, פאר געפיל
נישט קיין פאסנד וואָרט קיין סטיל...

אונדזער יידיש האָט נאָר וויצן,
האָט נאָר שפּיצן, בלאנקע בליצן;
ווערטער ווי פארסמטע שפּיזן!
אין אים לאכן, וויינען ריזן!
ר׳איז ווי גאל, ווי פּיאָלון ביטער
און ער דרעשט דאָס לייב מיט ריטער

ר׳איז איינגאנצן בלוט און טרערן!
סענסט אין יעדן אויסדרוק הערן
ווי דער ים — פון צרות זיד,
ווי עס ברעכט דאָס הארץ דעם ייד...
נאָר, כאָטש פלאץ דאָ אויפן אָרט,
ס׳האָט קיין לעבלעך ווארעם וואָרט!...

קיין איינציק וואָרט איז צארט און גלאַט,
עס איז פאר ליבע טויט און מאט —
„הערצל", „זעלע", „שאץ" און „שעצל" —
ס׳האָט א טעם ווי לאקריץ-פּלעצל;
עס האָט קיין טעם, עס האָט קיין זאלץ,
און עס שמעקט נאָך חזיר-שמאלץ!

---

איך האָב צו׳ן אייך קיין טענה-מענה,
וואָס די ליבע איז אייך פרעמד;
ווענום שפּרינגט ארויס פון פּיאַנע,
ו׳מיטן ים און אָן א העמד!

און אמאָר מיט בלינדע אויגן,
באָרוועס, נאקעט לויפט ער, פליט;
שפּילט זיך מיט א פּיילענבויגן —
קען דאָס פאסן פאר א ייד?

* * *

ווייבער האָב'מיר סאַמע צנועות!
ס'וועט קיין ליבע נישט פאַרלאַנגען!
אונדזער טאָכטער מאַכט קיין שהיות:
נדן, תנאים, חופה־שטאַנגען!

און מען לעבט דאָך ביי אונדז יידן
גאַנץ בשלום, גאַנץ צופרידן;
ווי פּאַסקאָליעס שיט מען קינדער!
טרעפט זיך זעלטן, פאַר אין ברירה,
טוט אַ ייד אויך אַן עבירה;
דם־ובשר, ס'איז קיין וונדער!

נאָר ער וועט נישט פלעטשן, פּראַלן:
„זאָנע, מאַנט און זילבער־שטראַלן"
נישט פאַר וואַסער, ניש' פאַר פייער!
ר'לויפט אין מיקווה אריין געשווינד,
וואַשט פון לייב אַראָפּ די זינד,
וואַרפט דערנאָך אַ האַרטן דרייער

דעם בעל־נס אריין אין פּושקע;
וויל ער, פאַסט ער נאָך אַ תענית
און ער שווערט זיך אויף נאמנות:
ס'איז אין גאַנצן ווערט אַ שישקע!

---

אינעם שטעטל איז געווען
פון קדמונים אַ מפּולת:
דאָרטן פלעגן לצים וווינען,
מוזיצערן, מאַכן קולות.

קרייען, מיאוציען, קוויטשען, בילן
אָדער סווישטשען ווי דער ווינט
אויבן דאָך גייט אויף דער וואָך
אַרום אַן אַלטער שוואַרצער הונט!



ס'פלעגט אַרוים צו וואַרפן שטיינער,
גאַנצע פודן אויף דער וואָג,
און עס פלעגן זיך באַווייזן
די נישט־גוטע טאָג אויף טאָג!

ווייבער, מענער, יידן, קריסטן
וויכן לאַנג די גאַנצע גאַס;
און מיט הויכן גראָז באַוואַקסן
שטייען הייזלעך פּוסטע־פּאַס!

דאָרט ביינאַכט באַווייזט זיך מאַניש,
צו דער חורבה גייט ער צו,
ס'קלאַפּט דאָס האַרץ ווי ביי'ן אַ גזלן:
דאָרטן וואַרט אויף אים מאַריע!

אים באַגלייטן צוויי מלאכים:
אין דער לינקער זייט אַ שלעכטער,
און, מיט טרערן אין די אויגן
גייט דער גוטער אין דער רעכטער!

און דער גוטער מלאך רוימט אים
אין דעם רעכטן אויער אַריין:
„האָב רחמנות! דיין נשמה
זאָל פאַר גאָט ניש' זינדיק זיין!"

„ווייס, די וועלט האָט ער באַשאַפן,
„וואָס אין הימל, וואָס אויף ד'ר'ערד!
„זון, לבנה, אַלע שטערן,
„אַלע אָקסן, אַלע פערד,

„ער פאַרזאָרגט אויך לעבן, בערן,
„גיט פּרנסה שאָף און רינדער...
„האָט דעם מענטש זיך אויסגעקליבן,
„ער זאָל לויבן זיינע וווּנדער.

און דעם תמצית פון די אומות
האָט ער יידן אויסגעצוויגן,
און זעקס־הונדערט־דרייצן מיצוות
„אָפּגעמאָסטן, אָפּגעוווויגן!

„טו נאָר תשובה, און ער וועט דיך
„מיט ש"י עולמות פאַרגעלטן!
„אוי, באַרעכן! איז מאַריע דען
„ווערט דריי הונדערט מיט צען וועלטן?"

חוזק מאַכט דער שלעכטער מלאך
רוימט אין לינקן אויער אַריין:
האָסט נאָך צייט אויף עולם הבאָ!
און ער וועט דיר מוחל זיין!

צי האָט ראובן נישט געזינדיקט?
אָדער דוד און בת שבע?
אַלע זענען אין גן־עדן...
ווייל ער האָט א גוטע טבע!

און א ליאַדע קרום, א טרער,
אין א ווינטער־טאָג א תענית,
און א וואָרט, „איך וועל נישט מער!"
און ער גלייבט דיר אויף נאמנות!

אַזוי טענהן די מלאָכים.
און דער ישוב דויערט ניש' לאַנג...
אָט זי ווייזט זיך שוין אין פענצטער
און עס הערט זיך איר געזאַנג!

פלאַמען ברענען איר אין ד'אויגן,
אַלע תאוות — אין איר ליד!



און ער פליט שוין פייל פון בויגן,
און דאָס בלוט עס קאָכט און זידט!

---

טויזנט גרילן, טויזנט שפּינען,
פלעדער־מייז און איילן הערן
זייער זינגען, לאַכן, קושן,
זייער קושן, האַלדזן, שווערן...

און ער שווערט איר הייסע ליבע
ביי זיין לעבן, בײ'ם געזונט;
דאָך זי שמייכלט: אזא שבועה,
טראָגט אוועק דער לייכטער ווינט!

און ער שווערט איר ביי די ציצית,
ביי די פּאות, ביי די תפילין,
און ביי ש ו פ ר ש ל מ ש י ח . . .
— „זאָג, וואָס נאָך? אום נאָטעם ווילן!"

---

און ער שווערט איר הייסע ליבע
אַלץ פאַרברענטער און פאַרשייטער,
און זי שמייכלט, און זי בעט זיך:
שווער נאָך ווייטער, ווייטער, ווייטער...

און ער שווערט איר ביי זיין טאַטן
ביי דער גוטער פרומער מאַמען;
ביי דער באָבען, ביי דעם זיידן,
און ביי אַלע נאָך צוזאַמען...

---

אויף איר ליפּל שפּילט א שמייכל
און די אויגן אירע גלאַנצן,
און זי בעט זיך: ווייטער, ווייטער!
זי וויל זיכער זיין אין גאַנצן!

ווייל א בחור קאָן פארפירן,
קען פארגעסן, האָט זי מורא...
און ער שווערט איר ביים פּרוכת,
ביי דעם כתר, ביי דער תורה!

און זי בעט זיך העכער! העכער!
זי וויל זיכער זיין אינגאנצן!
און זי בישופּט מיט איר אָטעם
און די אויגן בלישטשען, גלאנצן...

און ער גרייפט אלץ העכער, העכער,
האָט גאָט נאָמען אויסגערופן!...

. . . . . .

פונעם הימל קנאלט א דונער;
פון גיהנום פונעם טיפן

א געלעכטער א גערודער.
און פון שוועבל יאָגט א ריח
און ער פליט שוין „פּאָד קאָנוואָיעם"
אויף א בעזעם אין דער הייך.

---

אויפן בארג אַרט דאָרטן
איז א לעבן, א געפּילדער,
ס'איז א באל דאָרט אין דער תיבה,
און א שרעקלעכער, א ווילדער!

און קאפּעלן (יענע וועלטי-
קע ציגיינער) מוזיצירן,
און שאמפּאניער — ווי וואסער,
און די רוחות קאנקאניערן!

לאָמפּן — טויזנט פעסער סמאָלע,
די רשעים זענען קנויטן;



ס'נייט ארום אן עקסטרא־שדל
מיט א שערל צו די צוויטן!

---

און די קעניגן איז לילית!
אין די אויגן האָט זי בליצן;
און ס מ א ל טראָגט איר לאנגע
שלעפּ מיט בראבאנדער שפּיצן.

- - - - - - - - - - - -

אין דער טיר דאָרט שטייט געשלאָסן
אונדזער מאָניש אויף א קיים...
און מען לייגט שוין אָן א פייער
און די שפּיז איז צוגעגרייט!

ע נ ד ע